בעזהשי"ת

# דורותינו



גליון ע"ו
עש"ק פ' אמור
ל"ג בעומר
תשפ"ה לפ"ק

נא שלא לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה

ביטל כמה גזירות, והציל הלחוצים, הוא ימליץ טוב בעדינו, אדונינו בר יוחאי

# היציגע 'אורעל ארגומענטס' פארגעקומען דעם מיטוואך אין 'קאורט אוו אפיעלס'

## אומבאלומפערטע שטעלונג פון אגודת ישראל אדוואקאט רופט ארויס גרויס אנטוישונג אויך ביי אייגענע רייען!

## שיילט זיך ארויס די עדיוקעישן דעפ. שטרענגע צוגאנג טראץ דעם נייעם געזעץ

### געריכט שטעלט קלאר אז די רעגירונג קען בלויז אפשטעלן פאנדינג און נישט פארמאכן קיין מוסדות!

דעם מיטוואך איז פארגעקומען די מונדליכע ארגומענטען אין די 'קאורט אוו אפיעלס' - די העכסטע געריכט אין ניו יארק, איבער די אפיעל פון אגודת ישראל צוריק צו דרייען דעם אורטייל פון די 'אפעלאט דיוויזשען' וועלכע האט מבטל געווען די פסק פון ריכטערין ריבא.

## איבער וואס איז די יעצטיגע 'אפיעל קלאגע'?

דער אדוואקאט אבי שיק זעלבסט האט קלאר געשטעלט אין זיינע מונדליכע ארגומענטן, אז ער איז בכלל נישטא צו קלאגן דעם 'עצם געזעץ' וועלכע פארלאנגט אז אלע סטודענטן פון פריוואטע שולעס ברויכן באקומען א חינוך וואס איז רח"ל 'סובסטענשאל עקוויוועלענט' צום די גוי'אישן פאבליק שולעס, ווי אויך איז ער נישטא צו קלאגן דאס אז די רעגירונג קען אריינקומען און אריינרעדן אין די חינוך פון אונזערע מוסדות התורה, נאר עס איז נאר דא צו טענה'ן איבער די דריי 'קאנסעקווענצן' וואס קען ארויסקומען אויף א מוסד וואס ווערט געפונען אז זיי געבן נישט קיין פולקאמע פאבליק שולע ערציאונג, ווי פאלגענד 1) אויב די רעגירונג קען צווינגען עלטערן זאלן מוזן ארויסצונעמען זייערע קינדער פון א מוסד וואס ווערט געפונען אלס נישט 'סובסטענשאלי עקוויוועלענט'. 2) אויב עלטערן פון אזא מוסד וועלן קענען משלים זיין דעם איבריגע חיוב פון 'סאבסטענשיל עקוויוועלנד' אויף עטליכע פלעצער. 3) און אויב די רעגירונג קען אפהאקן פאנדינג פון א מוסד וואס ווערט געפונען אז זיי זענען נאך נישט פולקאם 'סובסטענשאלי עקוויוועלענט'.

## גרויס אנטריסטונג אין ברייטע אידישע גאס איבער די אומפאראנטווארטליכע צוגאנג פונעם אדוואקאט 'אבי שיק'

ווי ערווארטעט נאך די פרישע אנטוויקלונג פון לעצטע וואך מיט די באשטעטיגונג פון די נייע אמענדמענט געזעץ, האבן די ריכטער געשטעלט זייערע ערשטע שאלה פארן אדוואקאט, צו מען האט נאך וואס דן צו זיין איבער דעם גאנצן קעיס, נאכדעם וואס די עדיוקעישאן געזעץ איז געווארן ארומגעטוישט, וואס דאס קען ברענגן אז די עדיוקעישאן דעפ. זאל מוזן אנולירן די אלטע גיידליינס איבער עדיוקעישאן געזעץ, און איבערשרייבן פרישע גיידליינס, און וויבאלד די איצטיגע קעיס איז דאך בעיקר באזירט אויף צוויי שורות פון די אלטע גיידליינס, אויב אזוי פארוואס ווערט נישט די גאנצע קלאגע אויס?!, [ווייל טראץ דעם וואס די נייע געזעץ האט גארנישט געטוישט איבער די חיוב הלימודים וואס א מוסד דארף אלס לערנען, איז אבער צוגעקומען טוישונגען בנוגע די פעטוועיס, וואס מוסדות קענען נוצן כדי צו ווערן באטראכט אז זיי זענען 'סאבסטענשיל עקוויוועלנט', ממילא, האט דער ריכטער געטענה'ט אז אויב ווערט די 'געזעץ' געטוישט דארף דאס לכאורה אנולירן די אלטע גיידליינס איבער וואס די איצטיגע קאורט סעסיע איז באזירט].

אבער אנשטאט וואס אבי שיק זאל זיך ארויפכאפן אויף דעם, און פארלאנגן אז די ריכטער זאלן טאקע אנולירן דעם קעיס, באזירט אויף דעם ווייל די גיידליינס האבן מער נישט קיין שום האפט, וואס דאן וואלטן אלע אינספעקשענס, דעטערמינעישענס א.ד.ג געווארן בטל ומבוטל, און די עדיוקעישאן דעפט וואלט געברויכט אנהייבן פריש פונדאסניי, האט אבער אבי שיק דאס נישט געוואלט, און ער האט פארלאנגט אז מען זאל יא דן זיין איבער די 'עצם טענות' [Merits] פון דעם קעיס!

דאס האט ארויסגערופן גרויס וואונדער אומעטום, ווייל דאס איז פארקערט ווי יעדער רעכטדענקיגער מענטש וואלט געטוהן, ווען מען שטייט פאר א שווערע געריכט וואס מען ווייסט בכלל נישט וויפיל שאנסן מען האט דאס צו געווינען, ובפרט ווען אפי' אויפן בעסטן פאל אז די געריכט וועט יא אן נעמען זיינע טענות וועט דאס סך הכל צוריקשטעלן די פסק פון ריבא אויפן פלאץ, וואס דאס מיינט אז די עצם שרעקליכער גזירת החינוך מיט אירע שווערע גיידליינס מיט אלע פארלאנגען בלייבן נאך אלץ אין קראפט, און אויפן בעסטען פאל וואלטן די ישיבות געבליבען מיט זייערע פאנדינג....!

אנדערש איז אבער אויב די קעיס ווערט אפגעשטעלט [moot] ווייל עס איז שוין נישט נוגע, וואס דאס וואלט באדייט אז דער געריכט האט אנגענומען אז די עקסזיסטירענדע גיידליינס זענען מער נישט גילטיג, און דאן האט דער געריכט די רעכט צו אנולירן (Vacate) אלע פריערדיגע פסקים וואס ריכטער האבן ארויסגעגעבן איבער דעם. און דאן וואלט דאס געווען עכ"פ א 'צייטווייליגע' פארלייכטערונג פארן ערליכן חינוך, וויבאלד די עדיוקעשאן דעפארטמענט וואלט געדארפט אנהייבן פריש פון אנפאנג.

אבער ווי אבסורד עס הערט זיך, האט אבי שיק - וואס אפיציעל איז ער דא 'בלויז' אויף צו ראטעווען דעם חינוך - גאר געטענה'ט אז די געריכט זאל נישט ארויסווארפן די גאנצע קעיס! נאר די געריכט זאל ווייטער אנגיין מיט די קעיס, און נאר דן זיין צו די פסק פון די אפעלאט דיוויזשאן איז ריכטיג אדער נישט!

«

## קורצע נייעס

### קרישקעלעך ארום דעם גזירת החינוך:

דער לויער סטיווען בארשאוו וועלכער פארטרעט עטליכע פון די מוסדות התורה וואס האבן באקומען דעם פיינעל דעטערמינעשאן, (וואס זיי האבן אים אויפגענומען נאכן זיך אפזאגן פון די פערל"ס ארגאנעזאציע), האט געשיקט דעם פארלאפענעם מיטוואך א בריוו פאר די קאמישענאר פונעם עדיוקעישאן דעפט., וואו ער שרייבט אז לויט ווי ער פארשטייט פונעם נייעם געזעץ וואס איז יעצט אריין אין קראפט, טוט דאס אפ'פסל'ן די אלע פיינעל דעטערמינעשאן'ס אויף די מוסדות וואס די קאמישאנער האט לעצטענס ארויסגעגעבן, און ער בעט די קאמישענער זאל קלארשטעלן אין די קומענדיגע פאר טעג וואס זייער שטעלונג איז כלפי די מוסדות, צי די אלע דעטערמינעשאן'ס זענען טאקע אויס.

ביני לביני האט דעם די סיטי עדיוקעישאן דעפט ארויס געלייגט דאנערשטאג א מעלדונג, אז ביז דערווייל גייען זיי נישט נעמען קיין שום ווייטערדיגע שריט כלפי די גזירת החינוך, וואס דאס נעמט אריין די בריוון וואס זיי האבן געשיקט פאר די עלטערן אז זיי וועלן פארלירן די ספעשל עדיוקעשאן סערוויסעס פון זייער מוסד, ביז זיי וועלן באקומען קלארע פרישע אנווייזונגען פון די סטעיט עדיוקעישן דיפארטמענט אנבאלאנגט דעם נייעם אמענדמענט וואס מען האט צוגעלייגט צום עדיוקעישאן ביל.

## « דער נייער אמענדמענט געזעץ אין די אויגן פון די ריכטער

פון די שאלות פון עטליכע פון די 7 ריכטער במשך דעם געריכט האט זיך אנגעזעהן, אז זיי האבן אפגעלערנט דעם נייעם אמענדמענד געזעץ וואס איז אדורך לעצטע וואך אין אלבאני, אז דאס איז סך הכל אן 'איסברייטערונג אין די באשטעטיגונג פון די ביז יעצטיגע פעטוועיס', און די אלע מהלכים וועט ווייטער נאר פארבלייבן א וועג וואס דורך דעם וועט דער מוסד קענען אויפווייזן אז מען קומט נאך אלע פארלאנגען וואס די געזעץ פארלאנגט, וואס נעמט אריין די חלק פון 'די לימודים', [דאס איז קלאר פארקערט ווי געוויסע האבן געוואלט איסטייטשן אז די נייע געזעץ טוט ערמעגליכן אז מוסדות התורה וועלן קענען 'נאכקומען די חיוב הלימודים' פון אלע סאבזשעקטס בלויז מיטן 'געבן די טעסטס'].

## מפטירין כדאתמול

גאר שאקירנד איז געווען צו הערן ווען דער עדיוקעשאן דעפארטמענט אדוואקאט האט גענומען דאס ווארט, און ער האט זייער שטארק קלארגעשטעלט אז די פאזיציע פון די [רשעות'דיגע] עדיוקעישאן דעפארטמענט איז 'אז מער-ווייניגער בלייבט אלעס ביים אלטן!' היל"ת, דאס מיינט צו זאגן אז סיי בכלליות כלפי אלע אנווייזונגען און פארלאנגען וואס ווערט איצט פארלאנגט אין די גיידליינס, און הן כלפי קענען אריינגעבן א קאמפלעינט, א מסירה, האט זיך לויט זיי גארנישט געטוישט! ער האט אפילו געזאגט אין געריכט אז מצדם פלאנען זיי צו לאזן די אלטע גיידליינס אין קראפט, און זיי ברויכן נאר אמענדן איין סעיף אין די גיידליינס 130.3 וועלכע רעדט ארום פון די פעטוועיס, כדי עס זאל זיין אין איינקלאנג מיט דעם נייע 'אמענדמענט'.

ווי אויך האט ער באטאנט אז זיי האלטן אז אויך כלפי די זעקס מוסדות וועלכע זענען שוין באשטעטיגט געווארן אלס נישט עקוויוואלענט, וועט דער נייער געזעץ גארנישט טוישן זייער סטאטוס, וואס מיינט אויך צו זאגן אז לויט ווי די עדיוקעישאן דעפט. לערנט דאס אפ, וועלן אויך די איבריגע מוסדות התורה וועלכע ארבייטן מיט פערל"ס און האבן צוליב די מסירות אריינגעשיקט א טיים ליין פלאן, כדי נאכצוקומען דעם גזירת החינוך, אויב וועט די עדיוקעישאן דעפט נישט געבן זייערע ענגילטיגע הסכמה דערויף דאן וועט דער נייער געזעץ זיי אוך גארנישט קענען העלפן.

## 'ארויס נעמען' קינדער פון שולע, אדער 'אפהאקן' די פאנדינג?

ווי שוין ערוועהנט מערערע מאל אין 'דורותינו' האבן די אגודת ישראל פארבינדעטע, כדי צו פארענטפערן זייערע מיטארבייט מיט די רעגירונג, כסדר פראבירט צו אנזייען אנגסט און פחד ביי די עלטערן, אז די רעגירונג גייט צווינגען די עלטערן זאלן מוזן ארויסצונעמען זייערע קינדער פון א מוסד וואס ווערט געפונען צו זיין נישט 100% 'סאבסטענשיל עקוויוואלענט', ווי אויך איז דאס גענוצט געווארן אלס א מיטל צו פארהוילן פונעם ציבור זייער אמת'דיגע זארג און פחד אז די מוסדות וועלן פארלירן די אלע רעגירונג'ס פאנדינג.

אין די זעלבע צייט האבן זיי אין די קאורט אויך כסדר גענוצט דעם זעלבן סלאגאן, מיט די האפענונג אז אפשר וועט דאס זיי עפעס העלפן אז די ריכטער זאלן באקומען סימפאטיע פאר זייערע טענות, אבער למעשה ביי די איצטיגע ארגומענטן האט דער הויפט ריכטער זייער שטארק געצימבעלט דעם אדוואקאט אבי שיק, ער זאל אים אנווייזן פונקטליך וואו אין די 'גיידליינס' שטייט אז די רעגירונג פארלאנגט אז די עלטערן 'מוזן' ארויסנעמען זייערע קינדער פון א מוסד וואס ווערט געפונען אלס נישט 'עקוויוואלענט', א זאך וואס אבי שיק האט נישט געהאט קיין ענטפער אויף דעם!, וואס ווי די ריכטער האט אנגעצייכענט שטייט בלויז דארט אז די **LSA** זאל געבן צייט פאר די עלטערן צו קענען איבערשטעלן די קינדער אין א אנדערע מוסד אויב זיי ווילן ווייטער געניסן פון די רעגירונגס סערוויס'ס, אבער די עלטערן 'מוזן' דאס נישט טוען...!

פארזעצונג אויף קומענדיגן זייט

## אנטווערפן. יום רביעי, ט"ז אייר תשפ"ה.

## פארטאגס, זענען זיי אנגעקומען...

פאליציי־אפיצירן, אין שטיוול מיט געריכטליכע ווארענטס, זיי האבן געהאקט אויף די טירן פון ערליכע מוהלים – אידן יראי השם, אידן וואס געבן זיך אוועק מיט געטריישאפט מקיים צו זיין די הייליגע מצות מילה.

מיט שרעקליכע קולות האבן זיי געשריגן: **"עפענט אונז אויף – אדער מיר וועלן אריינברעכן!"**

זיי האבן זיך אריינגעריסן ווי חיות טורפות, און זיך באצויגן צו די מוהלים ווי צו קרימינאלישע באנדיטן.

זיי האבן דורכגעזוכט אלע צימערן, אלע שאפעס, אלע לעדלעך. צוגענומען אלע מוהל מעסערס, זיי האבן פארלאנגט א ליסט פון אלע קינדער וואס מען האט אויף זיי מקיים געווען דעם הייליגן ברית קודש דעם יאר.

**יא – אינעם יאָר תשפ"ה. אין אייראפע. אין אנטווערפן.**

נישט אין רוסלאנד אונטער די בארבארישע צארן. נישט אין דייטשלאנד אונטער די נאציס ימ"ש. אינעם ליבעראלן בעלגיע - אייראפע איז דאס געשעהן!

**רב אהרן עקשטיין. רב משה לנדא.** נעמען וואס זענען ביי יעדן איינעם רעספעקטירט, האבן זיי באזידלט און פארשעמט – נישט צוליב א קרימינאלע פארברעך, נאר פשוט ווייל זיי פירן אויס די מצוה פון ברית מילה – די מצוה וואס האט אונז מקשר געווען מיט'ן באשעפער פון אברהם אבינו.

**און אויב דיין נשמה ציטערט נאכנישט, אויב דיין הארץ ברענט נאכנישט – פרעג זיך: "בין איך בכלל אויף?"**

דאָס איז נישט א בעלגישע מעשה. דאס איז אונזער מעשה.

מיינט איר אז דאס וועט נישט געשען ביי אונז?

מיינט איר אז מיר זענען מיט איין טריט אונטער זיי?

איר נארט זיך.

דער סקולס ביל וואס גייט יעצט אדורך אין פארלימענט ביי אונז אין ענגלאנד – דאס איז די 'ענגלישע ווערסיע' פון דעם אנשיקעניש.

איר האט געהערט דערפון. איר האט אפשר געלייענט. איר האט עס אפשר איגנארירט. מאכט אבער נישט דעם ביטערן טעות, דער סקולס ביל - דאס איז עס!

דאס איז דער רויטע ליניע. דא ענדיגט זיך אלעס.

טאמער דער ביל גייט ח"ו אדורך, וועט צוזאמברעכן די יסודות פון פרייהייט אלס אידן דא אין ענגלאנד.

איר גלייבט אונז נישט? לאמיר דאס ארויס זאגן ברחל בתך הקטנה.

הערטס גוט אויס: פאליציי וועלן האבן געזעצליכע פאוער אריינצוגיין אין דיין שטוב און אפירנעמען אלעס וואס דיין קינד לערנט.

יעדער קינד וועט דארפן ווערן רעגיסטרירט – אויך די וואס לערנען אינדערהיים.

די רעגירונג וועט באשטימען וואס ווערט פאררעכנט אלס א 'פאסיגע' עדיוקעישאן. נישט דו, נישט דיין רב, נישט דער מנהל און נישט אונזער מסורה.

**זיי וועלן פאדערן צו וויסן, ווער לערנט מיט זיי? וועלכע ספרים נוצן זיי?, און ווי שטארק איז דיין קינד אריינגעגלידערט אין די אלגעמיינע סאסייטי?**

**דיין אמונה – דיין תורה – וועט ווערן באטראכט אלס א פראבלעם וואס מען דארף פאררעכטן.**

דאס קלינגט ווי א דעמאקראטישע מדינה? אדער ווי א קלאפ אויף די טיר דורך די ק.ג.ב. אין רוסלאנד?

**"מענטשן שלאפן אבער!"**

איך גיי אויף די גאס. איך הער שמועסן אין שול, אין קאווע שטיבל, ל"ג בעומר פלענער, טשיעס קעיק רעצעפטן, חתונה פלענס...

**יא, מען דארף לעבן. אבער מיר שפילן אויפן פידל בשעת דער פלאם ברענט.**

**וואו איז דער געוואלד געשריי? וואו איז די ציטערניש? וואו איז "כלל ישראל"?**

דער פייער פלאקערט שוין ביי די טיר. דער שווארצער רויך שטייט שוין אויף די לופט. און מיר זיצן – מ'דריקט מיט די פינגער אויף די טעלעפאנען, ווי עס וואלט גארנישט פאסירט...

**זענען מיר בלינד? אדער מיר ווילן פשוט נישט זעהן?**

אלעס וואס מיר האבן געווארנט האלט ביים מקויים ווערן ח"ו.

די לעצטע 5 יאר האבן מיר געשריבן, געשריגן, געטייטשט, זיך געבעטן. מיר האבן פארגעלייגט וואס עס קומט. נישט ווייל מיר זענען נביאים, נאר ווייל עס איז געווען קלאר ווי דער טאג.

וואס ס'איז געשעהן אין אנטווערפן איז נישט קיין "ווארענונג". עס איז א פארבילד - א מעסעדזש פון הימל.

**דער באשעפער רופט: וועקט אייך אויף!**

ער ווייזט אונז וואס עס קומט, כדי מיר זאלן דאס קענען אפשטעלן איידער ס'איז צו שפעט.

עס איז מער נישט דא קיין צייט אפצושטופן. עס איז מער נישטא קיין צייט פאר תירוצים.

יעצט איז נישט דער צייט פון רעדן. יעצט איז נישט דער צייט פון שרייבן באריכטן. פון אנאליזירן, פון קריטיקירן און פון אומקלארקייט.

יעצט איז דער צייט פון טוהן.

לאזט אלעס אפ – יא, אלעס! – שרייבט אונטער דעם דעקלערעישאן.

רעד מיט אנדערע. יעדע טאטע, פאר יעדע מאמע און יעדן איד.

דאס איז נישט א קאמפיין. דאס איז א מלחמה – אויף אונזער לעבן אלס ערליכע אידן אין ענגלאנד.

ווייל אויב מיר טוען עס נישט יעצט - ווען דער קלאפ וועט קומען אויף אונזער טיר – וועט שוין ח"ו זיין צו שפעט.

**ווען דער באשעפער וועקט אונז אויף – טארן מיר זיך נישט אויסדרייען אויף די אנדערע זייט און צוריק גיין שלאפן.**

שוידערליכע מאמר נתפרסם געווארן דורך העסקן הדגול ראש וראשון לכל קדשי בית ישראל
בעיר הבירה לאנדאן הרה"ח ר' אשר גראד שליט"א

יזדזע עולם ומלואה!

# שטורעם נאך די שעדליכע 'פסח ביכעל' - פארטיילט אין היימישע בית חינוך אין וויליאמסבורג - לאזט נישט נאך!

די שערורי' ארום דעם 'פסח ביכל' (דורותינו גליון ע"ד) מיט דעם געפארפולן וועג אויסצולערנען די קינדער אלעס צו 'טשעלענדשען', האט געברענגט א פלייץ פון ווייטאגליכע בריוון און מעלדונגען אין די מערכת, צווישן זיי פון חשובע רבנים ומורי צדק שליט"א פאלגענד ציטירן מיר די ערשטע טייל דערפון, ועוד חזון למועד

## פלאמפייערדיגע דברי מחאה פון הגאון הגדול הישיש ר' ישראל מאיר וויינטרויב שליט"א - מגדולי תלמידי מרן החזון איש זצ"ל

עס שטייט 'על אלה אני בוכי' עיני עיני יורדה מים'. עס איז נתפרסם געווארן אין דער וועלט א חירוף וגידוף וואס איז שווער צו ארויסרעדן מיטן מויל, אזוינס וואס איז קיינמאל נאכנישט געווען אין דער וועלט, עס איז געטון געווארן אין א בית חינוך אלס א חלק פון די לימודים, עס איז געדרוקט אלס א ספר וואס ס'טראגט דעם נאמען פון דעם חירוף וגידוף, וואס שרייט אויס דעם חירוף וגידוף, און ס'איז געלערנט פאר א כיתה פון זיבן יעריגע קינדער, צו זיי לערנען מחרף ומגדף זיין, און אויסרייסן די אמונה פון זייערע הערצער. און די אלע כתבי פלסתר איז א חלק פון דעם חירוף וגידוף, וואס האט געדארפט אויפטרייסלען די גאנצע אידישע וועלט, און ווער ס'הערט דאס, ווער ס'הערט דעם חירוף וגידוף איז מחויב רייסן קריעה, און ס'איז גע'פסק'נט אין שו"ע יו"ד הל' קריעה, די אלע דיבורים געשרייען וואס איז געהערט געווארן איז נישט גענוג.

אונז זאגן אין די הגדה אז די רשע וואס דרוקט זיך אויס מיטן לשון 'לכם' ולפי שהוציא עצמו מן הכלל כפר בעיקר, פארוואס איז כפר בעיקר, ווייל ער האט זיך אפגעשניטן פון די קבלה פון כלל ישראל.

די תלמידים פון בית חינוך וואס זיי זענען אין די מציאות פון וויסן אז זיי זענען א חלק פון די קבלת פון כלל ישראל, וואס איז אריבערגעגאנגען דור אחר דור פון די ערשטע דור פון בריאת העולם און פון מתתורה וואס דארטן איז געווען אלע נשמות, און זיי האבן געהערט און גערעדט מיטן באשעפער, און ס'ווערט מיט דעם אפגעפאטשט פון די גאנצע קבלה רח"ל.

און די גאנצע געשעעניש איז נישט מובן, נאר אז עס איז א חלק פון זיך איבערגעבן צו די שמד החינוך מיט די שעבוד פון די טריפה'נע געלט.

און דער וואס האט מפרסם געווען א מאמר אין די צוויי בלעטער פון א חסיד'ישע פארטיי, דאס איז נגד זה מיט דברי בלע אויף דעם חירוף וגידוף, איז ער א חלק פון דעם חירוף וגידוף.

און עס וואלט געדארפט זיך ווענדן א התראה פון די רבנים און תלמידי חכמים, אז אויב דער מנהל פון דער מוסד וועט נישט פארברענען בפרהסיא דעם ביכל, וועט מען אריינלייגן אין חרם - ער מיט דעם מוסד מיט דעם שטיצער - אין חרם, און שלום על ישראל.

## הגה"צ אבד"ק קרעמעניץ שליט"א

אידן פראווען שוין דעם סדר דריי טויזענט יאר זייט יציאת מצרים, אַ יעדע יאר קומט ארויס אַ נייע הגדה, מען זאגט נאך - דאכט זיך פון הייליגן ראפשיצער רב - פארוואס יעדעס יאר קומט ארויס א נייע הגדה ווייל יעדע יאר איז דא א 'נייע רשע', גאנצע דריי טויזענט יאר איז נישט ארויסגעקומען אַ הגדה מיט די קשיא 'טאטע ביזט אליין דארט געווען' עפ"ל.

די הייליגע חכמים האבען מתקן געווען פיר קשיות, די קשיא האט מען נישט אריין געלייגט...! עס איז דא ארבעה בנים מיט קשיות יעדער אויף זיין נוסח, דיא קשיא געפינט מען נישט דארט! אפשר איז דאס אין כלל פון די קשיא פונעם רשע 'מה העבודה הזאת לכם'. עכ"פ בפירוש געפינט מען נישט אזא קשיא, עס איז בכלל נישט געווען אזא בייפאל אויסצולערנען קינדער אזא קשיא.

ווען אין וויאזוי איז נולד געווארן אזא בייפאל, ווען די כופרים האבען אריין געבויעט אינעם חינוך אַ יסוד צו בויען מוחות פון די קינדער צו זיין קריטיקעל טינקער, נאר גלייבן פאר אַ פאקט דאס וואס מען זעהט און מען שפירט עפ"ל, פונעם יסוד פון 'סקראט היוני' [און אזוי איז טאקע דער נאמען 'סאקריט קריטיקלי'] מיט'ן ציל ארויסצורייסן אונזער פארשלאסענע אמונה, אַ אפיניאן מעג עס זיין, אבבער נישט אַ פאקט עפ"ל, די כופרים מיינען ממש כפירה זיי ווילן.. אויסמיידן מלחמות פאר אמונה, און ברענגן שלום אויף די וועלט, יענער מעג האבען אַ אנדערע אפיניאן... עפ"ל.




פון געזעץ אויס קען מען דאס יוצא זיין ביי לימודי חול, אבער אפי' דאס האט ר"א הגדול צוואה געלאזט פאר זיינע הייליגע תלמידים 'מנעו בניכם מהגיון'. דער ספר הברית זאגט אז רוב גאונים זאגן פשט אז דאס מיינט לאגיק, אין מנחת קנאות להרשב"א מכתב צ"ב איז מבאר אז מען בויעט אריין אין אַ קינד בראשית צמיחת השכל צו זיין דו האט מיר מיין טאטע דאס פארציילט.

פארוואס קען מען נישט זאגן גראד "מיר האבן אזוי מקובל מדור דור ביז יציאת מצרים" אבער לויט די יסודות פון 'קאמען קאהר' מיט 'קריטיקעל טינקינג' איז אויב דאס וואס מען האט מקובל ווערט געלערנט אלס אַ פאקט; דאס מיינט נישט קיין חינוך פון אַ קריטיקעל טינקינג עפ"ל רחמנא ליצלן.

משא"כ פארציילן א סיפור מיטן בלויזן אויספיר **'אז ווען איך בין געווען אַ קליין קינד האט מיר מיין טאטע דאס פארציילט'** דאס איז טאקע יא אויסגעהאלטן לויט די פארשריפטן פון קריטיקיל טינקינג.

דער אמת איז, אז דער אמת'ער יסוד איז ווי דער רד"ק זאגט קאפיטל קי"ט, און דער 'חינוך' אין די הקדמה, אין דער ישמח משה אין ספר אבקת רוכל, און נאך פילע ספרים, אז אַ קבלה מפורסמת מסוף העולם ועד סופו וואס ששים רבוא אידן האבן מיטגעלעבט - דאס איז אויסער די טויזענטער נשים וטף - אין עס גייט מיט אַ מורא'דיגן פרסום יעדע דור, מען ליינט אין דער תורה, מען לייגט תפילין יעדען טאג, מען האט אַ מזוזה אויף די טיר, אַ יו"ט פסח שבועות, און נאך אָן אַ שיעור, און עס עקזיסטירט נישט מסוף העולם ועוד סופו אַ פארקערטע קבלה חס ושלום, אזא זאך איז נישט מעגליך מכחיש צו זיין.

אבער פאר א פיצל קינד קען מען דאס אויך נישט מסביר זיין, אבער עס איז נאכנישט בייגעפאלן פאר קינדער פון מאמינים צו פאטשקענען מיט אזעלכע קשיות, און זיכער נישט צו אויסלערנען די קינדער בידים צו ווערלן אזעלכעס פרעגן ה"י.

די טומאת המינות און די גיפט פון מינות פון אזא הגדה איז נורא נוראות, א קינד מיד אזא הגדה פסח ביינאכט - די הויכפונקט פון אמונה - איז נישט מעגליך צו בלייבן מיט א ריינע אמונה.

דער הייליגער רד"ק זצוק"ל שרייבט - אין אַ תשובה לגבי חכמות חיצונית - אז עס איז נישט קיין מציאות עס זאל נישט ברענגן קיין מינות, ער זאגט "עס איז נישט ווי אמאל אז ווען איינער איז געווארן פארדארבן איז ער געווארן א מחלל ש"ק אין אַ רגע, היינט קען מען נזהר פזיין אין שמירת התומ"צ אין הארץ זאל זיין א שמץ מינות רחמנא ליצלן" רחמנא לשיזבן...

וויאזוי איז מעגליך א איד א מאמין זאל האלטן קינדער אין אזעלכע מוסדות, ירחם השם מאיר עיני העוורים במחנה העברים

## עד השתא אמאי לא אתית לגבאי

נאך וואס אבי שיק האט זיך אנגעהויבן כאפן וואס ער האט דא אפגעטון, און וואסערע אומבאלומפערטע ארבעט ער האט געטון היינט אין געריכט, און אפילו די מוסדות התורה וועלכע גייען נאך ליידער אין שפאן מיט פערל"ס זענען אויך געווען זייער אנגעווייטיגט, איז כדי צו קענען אביסל צוריק כאפן זיין רעפוטאציע האט ער שנעל ארויסגעשיקט א אימעיל צו די נ.י סיטי באורד אוו עדיוקעישן, וואו ער פארלאנגט אז היות אז די רעגירונג האט מיט עטליכע טעג צוריק אדורך געפירט א נייע אמענדמענד, זאלן זיי שוין אפשטעלן פאדערן פון באבוב ישיבה קטנה אז זיי זאלן אריינשיקן די נויטיגע 'באוויזן' אויף אלעס וואס זיי האבן זיך ליידער אונטערגענומען אין זייער טיים ליין פלאן!...

די קשיא איז נאר זייער גרויס וואו איז ער געווען פאר דריי שעה צוריק ווען די ריכטער האבן אים געפרעגט צו די רעגולאציעס זענען נאך רעלעוואנט צוליב דעם נייעם אמענדמענט?

דאס אלעס לערנט אונז נאכאמאל אז העברת פי ה' הוא לא תצלח, פון עובר זיין דעם רצון ה' קען קיין ישועה נישט ארויסקומען, און פון גיין מיט אגודת ישראל אויף צו מאכן פשרות און זיך אונטערגעבן פאר די רעגירונג שמד פארלאנגן דאן איז נישטא קיין מציאות אז עס זאל ברענגן הצלחה.

## כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו

שטייענדיג אינעם הייליגן טאג פון ל"ג בעומר איז כלל ישראל מתפלל אז עס זאל מקוים ווערן ביי אונז דעם כי לא תשכח מפי זרעו, און די גאנצע גזירת החינוך זאל קומען צו א געגנצליכער אפשטעל, די רעגירונג זאלן אויפהערן פארלאנגן פון די מוסדות התורה צו לערנען מיט די הייליגע צאן קדשים די אלע טריפה'נע לימודים וואס מען לערנט אין די פאבליק שולעס, און די מוסדות התורה זאלן באקומען אן אייגענע אויטאנאמיע אויסדרוקליך נאר פון די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, וואס נאר זיי זאלן קענען באשליסן וואס און וויפיל מען ברויך לערנען אין די ראמען פון לימודי חול.

כלל ישראל רייסט איין פארן בוכ"ע אז אלע מוסדות זאלן זיך שוין אנהייבן אליינס אויסהאלטן פון ערליכע ריינע אידישע געלטער, און נישט זיין אנגעוויזן אויף די טובות פון די רעגירונג, ובפרט פון אזא ליבעראלע ניו יארק'ער רעגירונג, וועלכע קענען קוים ווארטן אויפן טאג איינצושלינגען דעם גאנצען ערליכען יהדות החרדית היל"ת. וואס נאר דורך אפהאקן דעם גאנצן קשר מיט זיי וועט מען קענען ממשיך זיין דעם ערליכן ריינעם חינוך אויפן אלטן אויסגעטראטענעם וועג עד ביאת הגואל.

**הכרית את הקוצים והציל את הלחוצים אדונינו בר יוחאי!**




# כי לא תשכח מפי זרעו — הוא ימליץ טוב בעדינו

די גמרא זאגט (שבת קל"ח:) ת"ר כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו עתידה תורה שתשתכח מישראל שנאמר וכו', רבי שמעון בן יוחי אומר חס ושלום שתשתכח תורה מישראל שנאמר כי לא תשכח מפי זרעו וכו'.

**דאס וואס רשב"י האט געזאגט אז עס וועט נישט פארגעסן ווערן די תורה, דאס איז דורך דעם וואס מ'וועט זיך מתבונן זיין אין די פיסטריט פון די פריערדיגע, און נאר אזוי וועט נישט זיין קיין שכחת התורה, און וועגן דעם ברענגט ער דעם פסוק כי לא תשכח מפי 'זרעו' אז אויב מיר וועלן זיך האלטן קינדער פון די פריערדיגע דעמאלטס וועט זיי כי לא תשכח, און דעמאלס איז דא די הבטחה אז די פיסטריט פון די פריערדיגע וועלן זיין דערקענט.**

**אבער אויב איינער וויל זוכן א דרך התורה אין דעם דור פון שכחת התורה דער וועט אוודאי נישט טרעפן, נאר מ'דארף זוכן דעם אמת'ן דעת תורה פון די פריערדיגע.**

(ויואל משה מאמר א' סי' קס"ח)
(וע"ע דבר"י פ' יתרו דף ס"ו ובדברות קודש למסיבות שנת תשי"ח)

שטייט אין זוהר הקדוש, אז אידן ווערן אנגערופן 'פארמאכט און אפן'. ווייל אהבת הבורא און זיין מורא ליגט טיף באהאלט אין אלע אידישע הערצער עם קדושו, דער ניצוץ הקדוש ווערט נישט געזען שטענדיג לעינים, **אבער ווען די רשעי העכו"ם שטייען אויף איבער זיי, זיי אפצופירן פונעם דת ח"ו, דעמאלטס ווערט פאר אלעמען אנטפלעקט באיתגליא ווי זיי טוען זיך מוסר נפש זיין על קדושת שמו יתברך.**

(דברי מנחם ליקוטים, מהרה"ק ר"ר מענדעלע מרימאנאוו זי"ע - יומדה"ל שב"ק ל"ד בעומר)

שטייט אין זוהר הק' (שמות דף ז:) (התוכן עפ"י פי' מתוק מדבש) רבי שמעון האט אויפגעהויבן די הענט און געוויינט און געזאגט, **"ווי וועט זיין פאר די מענטשן וואס וועלן זיין אין דעם דור** (פון עקבתא דמשיחא)", און ער האט ממשיך געווען און געזאגט: **"וואויל וועט זיין פאר די מענטשן וואס וועלן זיין אין דעם דור".**

דער זוה"ק איז מסביר, - **ווי וועט זיין פאר די מענטשן וואס וועלן זיין אין דעם דור** - ווייל ווען דער אויבערשטער וועט קומען אויסלייזן די שכינה הק' פון גלות, וועט ער ארום קוקן **"ווער זענען די מענטשן וואס זענען געשטאנען מיט די שכינה הק' אין די שווערע צייטן"**, און דער רבוש"ע וועט אריינקוקן אין די מעשים פון דעם כלל ישראל, און וועט ליידער נישט טרעפן איינעם וואס איז זכאי.

פון די אנדערע זייט, האט אבער רבי שמעון געזאגט: **וואויל וועט זיין פאר די מענטשן וואס וועלן זיין אין דעם דור ווייל דער וואס וועט זיך דערהאלטן אין דעם דור מיט די ריינע אמונה, דער וועט זוכה זיין צו די גרויסע ליכטיגקייטן זיך צו פרייען כביכול בשמחת השכינה הקדושה** ווען די ישועה וועט קומען בב"א.

# מבית אבותינו לדורותינו

## דברים נוראים פון הגה"ק מטארניפאל זצוק"ל אין די הקדמה פון שו"ת חבצלת השרון וועגן לימוד חכמת חיצוניות ובתוכם א מעשה נוראה פונעם הייליגן בני יששכר זי"ע

### בתוך דבריו רעכנט ער אויס די חכמת חיצוניות וואס מ'לערנט פון 'היסטאריע' 'געאגרעפיע' אדער 'חכמת הטבע' (סייענ"ס)

אין אונזער צייט האט זיך בעוה"ר צושפרייט א נייע מספחת, אז מ'פאפט זיך און אנדערע און **מ'לערנט חכמת חיצוניות מיט א אידישן לבוש, און מ'זאגט אז דאס וועט נישט שאדטן פאר די יר"ש, אבער דאס איז שקר, ווייל ווער עס רירט דאס נאר אן וועט זיך נישט צוריקקערן און נישט דערגרייכן די וועג פון לעבן, ווייל חכמת הטבעיות און חכמת התורה זענען מתנגד איינס צום אנדערן,** און עס איז נישט מעגליך אז די תורה זאל זיין ריין און אז זיין הארץ זאל זיין רעכטפארטיג אן קיין סיג ודופי, אויב ער לערנט זייערע חכמות הטבעיות וואס איז מטיל ספק אין די אמונה אינעם אייבירשטן און אין זיין תורה.

זע נאר וואס דער הייליגער מהרצ"א מדינוב שרייבט דערוועגן און זיינע הייליגע ספרים 'מעיין גנים' און 'דרך פיקודיך' און 'בני יששכר', און ער זאגט עדות בשם הגאון ר' יוסף יעב"ץ פון די גדולי ספרד, אז **בשעת די שרעליכע גזירות שמד האט מען געזען אז די אלע וואס האבן עוסק געווען און חכמת פילוסופיא האבן זיך נישט געהאלטן ביי די אמונה, און נאר די המון עם וואס האבן געהאט אמונה פשוטה די האבן זיך מוסר נפש געווען על קדושת שמו ית'.**

און **אויב וועט איינער טרעפן עטליכע יחידים וואס האבן יא געלערנט די חכמות און איז געבליבן א שומר תורה ומצוות, קודם כל ווער ווייסט וואס טוט זיך אין די טיפעניש פון זיין הארץ**, און עקסטער דעם קען זיין אז דאס אליין קומט פונעם יצה"ר אז **מ'זאל קענען פארנארן די מענטשן אז מ'זאל מיינען אז מ'קען אנהאלטן ביידע,** אבער רוב פון זיי ווערן אריינגעכאפט אין די נעצן פון כפירה **און וועלן צום סוף ארויסגיין פונעם דת זיי אדער זייערע קינדער און זייערע בני בית.**

און איך האב געהערט פון א ערליכן עלטערער זקן, אז ער איז געווען אלס בחור אויף שב"ק ביים **הייליגן בני יששכר זי"ע,** ביי שלש סעודות האט דער בני יששכר געזאגט תורה מיט א מורא'דיגע התלהבות **אקעגן די וואס לערנען זייערע חכמות און שפראכן, אינמיטן האט ער אנגעפאנגן אויך צו רעדן קעגן דעם ראש המשכילים 'מענדעלזאהן' שר"י וואס האט איבערגעדרייט גאנץ מדינת אשכנז צו מינות.**

אינמיטן די גרויסע התלהבות האט זיך דער הייליגער בנ"י אויפגעשטעלט און געזאגט בזה הלשון: **רבש"ע עס קען זיין אז דער רשע האט שוין גענוג געליטן אויף אלע זיינע עבירות, און יעצט קומט אים שוין גן עדן אויף דעם וואס ער איז געווען א פרומע-דושא** (ווייל מ'האט געזאגט אויף אים אז בפועל האט ער מקיים געווען אלע מצוות). **אבער מיר בעטן דיך, אז פון וואו ער איז יעצט, זאלסטו אים פון דארט אראפנידערן אין שאול תחתית, ווייל ער האט מחטיא געווען דעם רבים, און האט איבערגעדרייט אסאך אידן צו אפיקורסים וכופרים.**

און **עאכו"כ ווען מען לערענט עס מיט קינדער איז עס פיל ערגער ווייל די שאדן איז לדורי דורות לנצח נצחים... און אנדערע וואס ווילן יא מחנך זיין זייערע קינדער אויפן ערליכן וועג האלט מען זיי פאַר צו ביסטו בעסער פון יענעם און יענעם ערליכן איד וואס טוט יא אזוי...** און זיי לערנען 'היסטאריע' 'געאגרעפיע' **אדער 'חכמת הטבע' וואס איז פיל מיט כפירה... ה"י**

(בהקדמת שו"ת חבצלת השרון להגה"ק מטארניפאל זצוק"ל)

# פתגמין קדישין

**איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך!**

### אכטונג געבן אויף די קינדער וואס זיי לערנען

וועגן דעם איז די פרשה (קדושים) **געזאגט געווארן בהקהל אנשים ונשים וטף, ווייל די עיקר ווער עס דארף שמירה יתירה אויף דעם, זענען די קינדער וואס אויף זיי דארף מען אכטונג געבן אז זיי זאלן נאר לערנען תורה און נישט קיין חכמות חיצוניות ח"ו.**

(עטרת ישועה פרשת קדושים)

### נישט האבן קיין שום שייכות מיט חכמי פלוסופיא

**א מענטש זאל זיך נישט מתחבר זיין מיט די חכמי פילוסופיא אפי' אויב ער לערנט פון זיי זאכן וואס האט נישט קיין שייכות מיט אמונה און לימוד התורה,** ווייל די כלל איז אז א זאך וואס גייט ארויס פון א טמא איז טמא, ממילא אפי' זיי רעדן סתם זאכן וואס איז נישט נוגע צו אמונה און יסודי תורה, איז אבער בהכרח דא א גיפט אין זייערע רייד, און ווער עס דערנעטערט זיך צו זיי אדער ער לערנט אין זייערע ספרים קען נישט ארויס גיין ריין.

(בן איש חי אמור על אבות פ"ד רבי מתי' בן חרש אומר)

### זיך קריגן מיט רשעים און זיין בשלום מיט ערליכע אידן

וועגן דעם האט שלומית בת דברי געהאט א זון א מחרף ומגדף רח"ל, ווייל זי האט אנגעכאפט די שטריק פון צוויי עקן, 'שלומית' צו די עוברי עבירה, ו'בת דברי' זי האט גערעדט שלעכטס א קעגן ערליכע אידן, וואס באמת דארף מען טון פונקט פארקערט.

(דברי יואל אמור ע' רסה)

### יעדע קליינע ריר ובפרט ביי תינוקות של בית רבן קען פירן צום ערגסטן רח"ל

**...אז מ'וויל אז צווישן אידן זאל זיין שמירת התורה והמצוות ברויך מען זיך אומקוקן, טאקע דירעקט פון קינדווייז אויס, ביי קינדער תינוקות של בית רבן, און אויף יעדע הדרכה, און אויף יעדער הנהגה, אז נישט חלילה פאלט מען, מ'ריקט זיך, ווי מ'זעהט בחוש, מ'פאלט אריין.**

...אויפהאלטן אידישקייט **דארף מען זיך אומקוקן אין דער התחלה, פון קינדווייז אויף, טאקע ביי די וואס גייען בדרך ה',** דארטן דארף מען קלאפן די יסודות, ס'זאל זיין אידישקייט, מ'זאל נישט קאנען אריינפאלן.

אז ס'הייבט זיך אן צו ריקן, **זאגט דאך די גמרא היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, אז ס'הייבט זיך אן צו ריקן, האט עס נישט קיין גבול,** בעוונותינו הרבים.

אזוי ווי מ'זעט די אלע וואס זענען ארויס, **טאקע די אוכלי נבילות וטריפות, די האבן אויך געהאט טאטעס ערליכע אידן, און זיי זענען אמאל געווען גוט, נאר ס'האט זיך אפגעריקט, זיי זענען געגאנגען אויף אן אנדערע דרך 'אביסעלע נאר'.** אזוי ביז ס'האט זיך געריקט, ביז ס'איז אויסגעקומען צו דעם.

איבער דעם זאגט די גמרא **היום אומר לו עשה כך, ער הייבט נישט אן אויפאמאל, דער יצר הרע, ער זאגט 'נאר' א קלייניגקייט, אז ער איז שוין מיט דעם פארטיג, דאס איז שוין א היתר, קען ער שוין גיין אביסעלע ווייטער** ....טאמער האט מען דורכגעלאזט א טאג און מ'האט אים נאכגעגעבן, **דעם אנדערן טאג איז עס שוין שווערער, דארף מען שוין רעדן אויף א שטארקערע בחינה, מ'זאל זיך מתגבר זיין, ווארן ער** [יצה"ר] **רעדט דאך שוין אויך מיט א שטארקערע בחינה,** זה לעומת זה.

....מ'זאל האלטן אין איין זאגן, ס'האט נישט קיין שיעור, דאס איז אלו דברים שאין להם שיעור...

(רביה"ק מסאטמאר זי"ע אמור תשכ"ז)